STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05582

OYF HEYMISHER ERD

W. H. Iwan

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. ה. איוואן

אויף היימישער ערד

ל י ד ע ר

פארלאג „יִדיש-בוך"
ווארשע 1950

געהייליקט

דעם אָנדענק

פון מיינע עלטערן טוביה

און פעסל און מיין ברו־

דער שמואל, אומגע־

בראכטע דורך די היטלעריסטישע רוצחים

אין טרעבלינקע אין הארבסט, יאָר 1942

הילע פּראָיעקטירט פון ק. גלעב

W. H. Iwan

„OJF HAJMISZER ERD"

Zam. 674. B-1-120498.

Wyd. „Idisz-Buch" Warszawa 1950.

Druk. „Nowe Życie", W-wa, Al. Gen Świerczewskiego 79.

Printed in Poland

ערב=פרילינג

מיט פרילינג-פרייד כאַפּט זיך אויף שוואַרצע פייכטע ערד.
פון שטובן אָרעמע פאַרשווינדט דער ווינטער-טרויער,
שקעלעטן-ביימער נאַקעטע שוין הערן אויף צו שרעקן,
און ווי אַ מאַמע גלעט די זון אין שטאָט דעם קאַלטן מויער.

פון קריעס אייז צעפליעסקען טייכן זיך, באַפרייטע.
ווי קינדער שטיפערישע שפילן וואַסער-כוואַליעס.
אין וועלדער האָט דער ווינט שוין אויפגעהערט צו וואָיען —
אָ, פרילינג מיינער, ווערסט דער הערשער איבער אַלעס.

די זון צעפלאַמט זיך מיט די העלע שטראַלן
און קרייזט ארום מיין קאָפּ און ליכטיקט אַרום מיר — — —
ס'הייבט ווידער אָן די פרייד אין הארצן זיך פאַרקלייבן.
איך עפן פאַר דעם פרילינג אויף מיין פענצטער און מיין טיר.

פרילינג-כאָטיוו

אין מיין היימלאַנד איז איצט פרילינג,
פול מיט זון די בלאָע הייכן,
נאָר איך אָטעם נאָך מיט נעכטנס
פון מיידאַנעקס שוואַרצע רויכן.

כ׳איז מיר שווער געווען פאַרבלייבן
אויף בית-עולמס, געטאָ-חורבות,
נאָר נאָך שווערער איז געווען
ווייטער שלעפּן וואַנדער-טאָרבעס.

זוך איך מער שוין נישט קיין וועגן
דיך, מיין היימלאַנד, צו פאַרלאָזן,
כ׳בין באַהאָפטן דאָ פון דורות
מיט דיביימער, מיט די גראָזן.

כ׳איז דער פּליעסק פון וויסל-וואַסער
אַ רפואה פאַר מיין ווייטיק.
ווערט מיין גלויבן דאָ געשטאַרקטער
און מיין חלום — העל און צייטיק.

פּוילן, פּוילן, היים מיין פרייע,
כ׳בין אַ טייל פון לעבן דיינעם.
מיטן אויפגאַנג פון דיין פרילינג
וועט מיין לעבן זיך באַנייען.

גיי אויף

גיי אויף, גיי אויף, א גרויסע פרייד, אין מיר,
ווי אין פרילינג דאָס גראָז און דער בוים.
ווייז מיר דעם וועג צו יענער כישוף-טיר,
ווו ס׳ליגט פארגליווערט מיין בעסטער טרוים.

גיי אויף, גיי אויף מיט זיכערקייט, מיט גלויבן,
גיב פעסטקייט און שטארקייט מיינע טריט —
די זון זאָל קיינמאָל נישט אוועק פון מיינע שויבן,
מיין טאָג זאָל זיין א יונגער בוים אין צוויט.

גיי אויף, גיי אויף מיט שטורעמדיק געזאנג.
פארגים אין מיר דעם ווי — די גרויסע פיין,
וואָס נעסטיקט אין מיין הארץ שוין אזוי לאנג
און לעשט אין מיינע אויגן יעדע שיין.

גיי אויף, גיי אויף, ליכטיקער באגינען,
אנטפלעק זיך מיט דיין וואונדער —
כ׳הויב אָן אויפסניי מיין ליד געפינען.
מיין בלוט יאָגט רעשיקער, געשווינדער.

גיי אויף, אָ, פרייד פון ווערן,
כ׳וואך אויף צום לעבן פון דאָס ניי, —
זינג מיין ליד און זאָל די וועלט דערהערן:
כ׳בין פריי! כ׳בין פריי! כ׳בין פריי!

ביאליסטאָק 1939

זומער־נאַכט

האַלט דעם אָטעם איין און שווייג.
עס שלאָפט די נאַכט אויף בוים און צווייג.
די שטערן היטן דיך אויף יעדן טראָט.
ס׳ליגט שטילקייט אויסגעלייגט
אויף וואַלד און טאָל,
איז גוט אַזוי
צו טראַכטן פון אַמאָל. . .
ביים שיין
פון דער לבנה.

ס׳וואַכט דער פּאַסטוך אינעם פעלד אַליין.
פון זיינע אויגן גייט אויף
די קוועלנדיקע פרייד
פון גרינעם פליין
ביים שיין
פון דער לבנה.

הער זיך צו,
ווי ס׳האָט דער זומער־ווינט
צעשפּילט זיך מיט די צווייגן,
צו דעם שטאָלצן גאַנג פון דער לבנה
און איר שווייגן.

נאָכן שניט

די שייערס פול געפּאַקט,
די קו און פערד שוין זאַטע.
א שטילע פרייד גייט איצטער אויף
פון פויערישע כאַטעס.

פון בוידעמס שמעקט מיט פרישן היי
ס'איז האַלץ פאַרגרייט אויף ווינטער:
דער פויער גייט אַרום זיין הויז
זיין טראַט איז פעסט מונטער.

דאָס פעלד, די קו, ס'איז אַלץ דאָך זיינס —
נישטאָ שוין מער קיין פּאַנעס.
וועט קלינגען העכער איצט זיין ליד,
אוי דאַנאַ, דאַנאַ, דאַנאַ.

און דאָרט, ווו ס'האָט דער דייטש אַמאָל
זיין רויבער-טרוים געשפּונען,
גייט אויף אויפסניי אַ נייַ געזאַנג
אַ יידישער באַגינען.

1949

וואַרשע

פון וואַרשעס רושטאָוואַניעס
הערט אַ נײַ געזאַנג:
גיכער, חבר, גיכער —
ציגל, זאַמד דערלאַנג.

העי! דערלאַנגט וואָס שנעלער
ברעטער, צעמענט, דראָט:
אויף נײַע פונדאַמענטן
מיר בויען אונדזער שטאָט.

די גאַסן ווערן שענער
מיט יעדן נײַעם מויער,
דער הימל איבער וואַרשע
ווערט בלויער אַלץ און בלויער.

.1949

האַרבסט

. . .נאַקעט שטייען די קאַשטאַנען
נאָר קיין האַרבסט איז נישט פאַראַנען.

ביי אַ וואַקסנדיקער מויער
זינגט אַ ליד אַ יונגער בויער,

דורך פּרימאָרגן־נעפּלען גרויע
זעט דעם הימל ווידער בלויען,

און עס גרינען ווידער צווייגן,
בלויז די בלעטער שווייגן, שווייגן.

אין זיין טרוים — ער שטייגט אַלץ העכער,
איבער לייטערס, איבער דעכער.

און ער זעט ווי אונדזער מאָרגן
ז׳פריי פון האַרבסטיק שווערע זאָרגן.

נאַקעט זיינען די קאַשטאַנען,
נאָר קיין האַרבסט איז נישט פאַראַנען.

נאָוועמבער 1949.

ביים לענין=מאַוואַלײ

יאַנואַר אויף רויטן פּלאַץ.
אַן אויפהער שיט אַ שניי.

אַ לאַנגע רייע שפּאַנט
צום לענין-מאַוזאָליי.

דאָס גאַנצע לאַנד גייט איצטער
מיט לאַנגזאַם-שווערע טריט.
אַ ווייסער שניי אַן אויפהער
אויף מאָסקווע שיט און שיט.

ווי ערנסט די געזיכטער
פון אַלעמען אַצינד.
עס גייט אַ העלד פון שלאַכטן,
און ביי זיין זייט אַ קינד.

אַן אַלטער קוילנגרעבער
און שלאָגלער פון פאַבריק.
און פון קאַלווירט דער פויער
מיט גלויבן פול אין בליק.

מיט ליבע גייען פעלקער
צום לענין-מאַוזאָליי.
צום רויטן פלאַץ, געטונקען
אין זילבער-בלענד פון שניי...

יאַנואַר 1946

טערוועל

היינט איז טערועל געפאלן
צוזאמען מיט מיין חלום.
איבער גאסן שפאנישע טרומייטן שאלן
פון שווארצע זיגרייכע חיילות.

זייער יעדן טראט אויף דיין ברוק
האָב איך געפילט אויף מיין גוף,
כ'האָב פון דער ווייט צו דיר געקוקט
און פון דער ווייט געהערט דיין רוף.

דעם אָפגלאנץ פון דיינע פייערן
פון ברענענדיקע הייזער און מויערן
האָב איך קלאָר געזען,
און מיין הארץ איז פארגאנגען אין טרויער.

היינט איז טערועל געפאלן
אָבער נישט מיין חלום!

קאַרייע

די יונגע מאַמע, וואָס וויגט דאָס קינד אין וויגל
און זינגט מיט ליבשאַפט אוים דאָס ליד פון גליק;
דער מויערער, וואָס לייגט מיט זיכערקייט די ציגל,
די ערשטע מאַנטירטע נייע וויסל-בריק
רופן:
אוועק די הענט פון קאַרייע!

דער דיכטער, וואָס איז אויפסניי פאַרליבט אין לעבן
און זעט ווי ס'איז דער הימל ווידער העל און בלוי;
דער אַרבעטער, וואָס בויט אַלץ נייע וועגן
און גייט מיט פרייד אַ יעדן טאָג צום בוי
רופן:
אוועק די הענט פון קאַרייע!

דער אינוואַליד, וואָס האָט אַ פוס פאַרלוירן
בעת די שלאַכטן ביי בערלין;
אַ מאַמע, וואָס וועט אייביק טרויערן
נאָך דעם געפאַלענעם, דעם טרייען זון
שרייען:
אוועק די הענט פון קאַרייע!

פרוכטן-ביימער, מיט צווייגן פול-באַלאָדן,
פייגל, וועלכע ס'שרעקן די געוויטערס;
יולי-פעלדער מיט רייפן ווייץ און קאָרן,
וואָס וואַרטן אויפן אָנקום פון די שניטערס
רופן:
אוועק די הענט פון קאַרייע!

די וועלדער, פעלדער, גרינע סקווערן,
פול מיט קינדערלעך צעטאַנצטע;
דער נייער דור אין פרייד פון ווערן,
די ביימלעך, די נאָר וואָס פאַרפלאַנצטע,
פאָדערן:
אַוועק די הענט פון קאָרייע!

די חורבות פון דער הויפּט־שטאָט וואַרשע
וואָס אייביק וועלן מאָנען און דערמאָנען!
רויטאַרמייער, געפאַלענע אין מאַרשן
אונטער זיגערישע רויטע פאָנען
מאָנען:
אַוועק די הענט פון קאָרייע!

די „ניי־וועלט" — די גאַס מיט ליכט אין נייע שויבן,
יעדער נייער אויפגעשטעלטער מויער;
די קאַרניזן מיט יונגע, ווייסע טויבן
און מיין קוים פאַרהיילטער שווערער טרויער
רופן:
אַוועק די הענט פון קאָרייע!

וואַרשע, 15־טער יולי 1950.

מיין ליד

אַ שטילע נאַכט. כ'גיי אום אין שטאָט.
די שטערן לייכטן אויפן הימל.
און ערגעץ ווו אין מיר גייט אויף
מיין ליד, וואָס ליגט אין טיפן דרימל.

ווי פידל־טענער שטיל
הויבט אָן דאָס ליד זיך צו באַוועגן —
אַ גרעזל ציטערט צו דער זון
נאָך אַ פרילינגדיקן רעגן.

יולי 1947.

צו איינער

די ביסט די פשוטקייט אליין,
וואס איך האב נאר זוען באגעגענט.
דו ביסט די זון, וואס לייכט פאר מיר
אויף אלע מיינע וועגן.

דו ביסט דער יום־טוב פון מיין זיין
אין גרויען אינדערוואכן,
דו ביסט פאר מיר די גרויסע פרייד
פון זוניקן נצחון.

דו ביסט די פרישקייט פון א בלום
נאך זומערדיקן רעגן.
דו ביסט די זון, וואס לייכט פאר מיר
אויף אלע מיינע וועגן.

פרילינג, 1949

צו דיר

איך האָב געזוכט דעם וועג צו דיר
ווי אין דער נאַכט אַ וואַנדערער — אַ פלעמל שיין.
האָט מיר די ליכטיקייט פון דיינע אויגן געוויזן
דעם וועג אין דיין הויז אַריין.

האָט די שיינקייט פונעם אָרום
אויפסניי פאַר מיר דערוואַכט,
ווען דו האָסט דאָס ערשטע מאָל
צו מיר געטאָן אַ לאַך.

האָבן לאָמפּן ליכטיק העל
זיך פאַר מיר צעברענט,
ווען דו האָסט אויסגעשטרעקט צו מיר
דיינע ווייסע הענט.

האָב איך דערפילט די יונגע פרייד
און נאָך דיין רוף געגאַנגען.
ס'האָט דער אָרום גערופן מיך
מיט טויזנטער פאַרלאַנגען.

1946

ווען דו

ס׳איז דער בערגיקער צויבער פאַר מיר
פאַרשלאָסן אויף טויזנטער שלעסער.
ווען דו וואָלסט געוועזן אָט דאָ —
מיין פרייד וואָלט געווען דעמלט גרעסער.

ווי אַנדערש וואָלט אַלץ דאָ געווען,
ווען דו ביסט מיט מיר דאָ צוזאַמען.
כ׳וואָלט גאַנץ אַנדערש געזען
די בערג אין פאַרנאַכטיקע פלאַמען;

דאָס וואַסער, וואָס לויפט פון די בערג
אין שטיינערנע סטעזשקעס-קאַנאַלן.
ס׳וואָלט אַנדערש געבלענדט פאַר מיין אויג
דער אָרום פון די זוניקע שטראַלן.

די ביימער זיי רוישן אַצינד,
פונקט ווי מיט טויזנטער יאָרן.
נאָר וואָס קאָנען ביימער פאַרשטיין,
וואָס לייכט איצט ביי מיר אין זכרון?

אַז מיט חלום כ׳גיי אום צווישן בערג
און כ׳זוך אומעטום דיינע אויגן:
ס׳האָט די זעלבע בענקשאַפט אַמאָל
יעקבן צו רחלען געצויגן.

נאָר דיין אָטעם כ'האָב היינט דאָ דערפילט,
זוען דער ווינט פון בערג איז אָנגעקומען,
האָב איך פון מיין בענקשאַפט דאָס ליד
צו דיר אָנגעהויבן צו ברומען

ווען דו וואָלסט געווען אַט דאָ,
מיין פרייד וואָלט געווען פיל גרעסער!
אַזוי איז דער צויבער פאַר מיר —
פאַרשלאָסן אויף טויזנטער שלעסער.

שקלאַרסקאַ-פּאָרעמבאַ, נידערשלעזיע מאַי 1947.

זקנים

א זוניקער פרילינג-פרימאָרגן,
די ביימער באַשאָטן מיט צוויט.
צוויי שוואַכיקע זקנים זיך גייען
מיט ווייכע, נישט זיכערע טריט.

איין זקן פאַרטראַכט זיך א ווײַלע
און מורמלט, אַז קוים וואָס מע הערט:
אָט באַלד וועט די נאַכט מיך פאַרוויגן,
און איך וועל געהערן דער ערד.

דער צווייטער הערט צו זיך צום קלאַפּן
פון אייגענעם שטעקן אויף ברוק.
מיט פּיכטלעכן גלאַנץ אין די אויגן
ער קוקט אין דער ווייטקייט און קוקט.

צוויי אַלטינקע לייט זיך באַוועגן
מיט טריטלעך פּאַמעלעך און שווער.
א קלויסטער-געקלאַנג און א רעגן
לאַנג רוישן אין זייער געהער.

1947

אין עלנטע הײַזער

כ׳בין עלנט און פאַרלאָזן,
ווי די בושל־נעסט אין שפּעטן האַרבסט.
מײַנע אויגן, מידע, פאַרטרערטע,
פלעמלען שוין מאַט,
צאַנקען, לעשן זיך אויס
מיט יעדן טאָג, וואָס קומט אָן.

און די נעכט — אָ, די נעכט,
זײַנען שוואַרצע און בלינדע.
טראָגט דער ווינט מײַן געדאַנק,
ווי אַ שיפל אויף אַ צעבראַזטן ים.
דאַכט זיך מיר אויס,
אַז איך הער אַזוי נאָענט
דאָס געלעכטער פון מײַנע קינדער.

טראָג איך מײַן געבעט צו דער נאַכט,
צו די שטערן, צום ווינט:
— ברענגט צוריק מײַנע קינדער
וואָס וואָגלען אַרום.
מײַנע אָרעמס זײַנען גרייט,
דער טיש איז געדעקט,
איך שטיי בײַ דער שוועל
און וואַרט —
וואַרט אויף זייער קומען.

1940

אַ בריוו פון מיין מאַמען

...איך האָב נישט פאַרמאַכט די טיר
נאָך דיין אוועקגיין —
ווייל איך, דיין מאַמע, קיין רו
שוין מערער נישט געפינען.

אין די פרימאָרגנס זיינען גראָזן
מיט פרישן טוי געצוואָגן,
נאָר אונטער מיין פענצטער שרייען קראָען.

איך קלאָג אוים איצט
דאָס געקלאָג פון אַלע מאַמעס!
ווייל מיר זיינען דאָ
מיט חורבן בלויז צוזאַמען,
און הינטער פענצטער
שרייען קראָען אָן אויפהער.

מיט אויגן אויסגעלאָשענע
קוקט דיין מאַמע צו דיר
דורך נעפּלען און דורך רעגן,
דורך דראָטן און דורך צוימען.
קינד מיינס —
וועסטו נישט פאַרזוימען?
וועסטו קומען צו מיר?
זאָג, מיט וועלכע וועגן?

אויף דער וואָר
איז מיין לעבן שוין לאַנג דערוואָרגן,
נאָר אין טרוים זע איך אַלץ נאָך דיין אומקער
אין אַ רויטן פרימאָרגן —
זון מיינער, גליד פון מיינע גלידער.

1941

דו אליין

דו אליין
וועסט קיינמאָל מער נישט זיין.
און דאָך וועל איך דיך זוכן
אויף אונדזער אלטן אָרט.

די באַנק,
זי שטייט געווים נאָך דאָרט;
דער עפּל־בוים,
וואָס זיינע צווייגן הענגען מיד אראָפּ;
דער אָוונט וועט זיין
פול מיט לבנה־שיין —
נאָר דו אליין
וועסט קיינמאָל מער נישט זיין.

כ׳איז דאָ פארבליבן דער טרוים,
דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע,
וואָס שוועבט ארום אין חלל —
אלץ אזוי ווי אמאָל —
נאָר דו אליין
וועסט קיינמאָל מער נישט זיין.

און איך אליין
גיי ווידער אום
אויף אונדזער אלטן אָרט —
ס'איז פארבליבן דאָך דאָ אלץ:
די פארב, דער קלאנג,
דער חלום און די וואָר,
דיין שטיל געזאנג,
די ווארעמקייט פון דיינע ניינצן יאָר —
נאָר דו אליין,
וועסט קיינמאָל מער נישט זיין:

לאָדוש, אפריל 1946.

אַז איך וועל קומען

א.

אַז איך וועל קומען צוריק צו מיין הויז
און טרעפן חורבות דאָרט בלויז,

וועל איך שטיל אויסוויינען מיין פּיין,
וואָס כ׳בין דאָ געבליבן אליין.

מיר דאכט, ס׳לאכט די זון גאָר פון מיר,
וואָס איך שטיי ביי א הויז אָן א טיר

אָן פענצטער, אָן ליכט, אָן פרייד
און איך רעד אומפארשטענדלעכע רייד.

פון לעבנס פארפיינט און פארברענט.
אָט דאָ צווישן חרובע ווענט.

ב.

כ׳איז ווידער געווען מיר באשערט
באטרעטן די היימישע ערד.

כ׳גיי אום צווישן חורבות ווי בלינד,
עס הוליעט דאָ הפקר דער ווינט.

נאָר ביינאכט, ווען ס׳איז שטיל אין ארום,
דאכט מיר אויס ווי איך הער א געברום,

ווי ס׳וואָלט ערגעץ געוויינט גאָר אַ קינד —
נאָר דאָס הוליעט ארום בלויז דער ווינט.

.1947

אַ גרוס

צערויש זיך, וואַלד אוראַלער! — צוזאַמען לאָמיר קלאָגן,
צעשטערט געוואָרן איז מיין זיסער טרוים דער שיינער.
כ'האָב פון מיין היים אַ שוואַרצן גרוס געקראָגן,
אַז קיינער איז נישטאָ מער, קיינער, קיינער.

עס האָט דער וואָלקן מיר געזאָגט, אַז כ'האָב נישט וואָס צו האָפן,
אַז איבער חורבות הוליעט דאָרט דער ווינט.
מיין יידיש שטעטל האָט אַ גרויסער בראַך געטראָפן
און אלעמען פארלענדט — פון זקן ביז אַ קינד.

עס שניידט דער גרוס מיין האַרץ מיט שאַרפקייט פון אַ שווערד,
אין מיינע נעכט פון גרוילן לויפן באַנען גיך, געשווינד,
און ס'טראָגט צו מיר זיך דאָס געיאָמער פון מיין היימלאַנדס-ערד.
דו וואַלד, דו וואַלד אוראַלער, וויג מיך איין אַצינד.

חארבסט 1944.

אין חרובן געטאָ

אין חרובן געטאָ
צווישן ציגל און שטיינער
בלאָנקע איך עלנט
בלאָנקע איך איינער.

וואָס זוך איך אין מדבר
פון חורבות און שטיינער?
די ערד און דער הימל —
א ים מיט געוויינען.

ביי דעם טאָג פרווו איך בעטן,
ביי דער נאכט פרווו איך פרעגן —
ווו זוכט מען די שפורן,
אויף וועלכע וועגן,

ווו זוכט מען די גריבער,
ווו ס'רוען דיביינער?
עס ענטפערט נישט קיינער,
עס ענטפערט נישט קיינער.

.1948

האַרבסט

ווען די רינווע זינגט דאָס האַרבסטיקע געזאַנג,
ווערט אַרום מיר שווער — ווי איך וואָלט עמעצן געזעגנט.
הילט אַ נעפּל איין די שטאָט, ס׳ווערט מאָדנע באַנג.
און עס גייט אַ בענקשאַפט אויף נאָך פרילינגדיקע וועגן.

ווען דאָס גראָז ווערט גרין, דער הימל בלוי און בלויער
און עס ווערן צווייגן פול מיט יונגער פרייד,
דאַן ברענגט די רינווע צריק אַ נאָגנדיקן טרויער
און ס׳ווערט דער האַרבסט אויף לאַנדשאַפטן פאַרשפּרייט.

1947

צו אַ יונגן חבר

צי האָסט געקעמפט מיט אונדזער פיינט
אלס שטאָלצער פּאַרטיזאַן,
צי ס׳האָט דער צוג געבראַכט דיך היינט
פון ווייטן קאַזאַכסטאַן;

אָן אונטערשיד פון ווו דו קומסט,
מיט האַרץ צעוויייטיקט און פאַרטרויערט, —
זיי גרייט:
דער שונא לויערט!

מע זאָגט: געענדיקט איז דער קריג
און פאַר מוזעאומס איז דאָס וואָפן —
נעכטן האָט א קויל אין האַרץ
מיין ליבן פריינט געטראָפן.

אָן אונטערשיד פון ווו די קומסט
מיט האַרץ צעוויייטיקט און פאַרטרויערט —
זיי גרייט:
דער שונא לויערט!

יוני 1946.

* * *

אויף די חורבות וואַקסן ווילדע גראָזן,
דעקן צו דעם מדבר־באַרג פון שטיינער.
כ׳וועל די ערד דאָ קיינמאָל מער פאַרלאָזן.
ס׳ליגן דאָ פאַרשיט מיין מאַמעס ביינער.

אין דעם געטאָ ווינטן בייזע ברומען,
ווי ס׳וואָלט דער אַרום אָן אויפהער וויינען.
ווען חורבות אייביק דאָ שוין שטומען?
ווען די זון שוין קיינמאָל דאָ נישט שיינען?

וועט דער מענטש דאָ קיינמאָל מער קיין לאַך טאָן?
קינדער אין די הויפן זיך נישט שפּילן?
וועט דעם מענטשנס שפּראַך שוין דאָ פאַרשטומען?
בלויז פינצטערניש וועט אַלץ אַרום איינהילן?

בין איך היינט אוועק אין געטאָ ווידער,
נאָר דערהערט כ׳האָב דאָרט שוין קלעפּ פון האַמערס,
כ׳זיינען אויפגעשטאַנען טויטע גלידער
און אין לעבן זיך אויפסניי פאַרקלאַמערט.

1949—1947

צו מיין הימלאַזער שוועסטער

הימלאָזע שוועסטער מיינע:
ס׳האָט דער ווינט מיר געבראַכט דיין געוויין,
וואָס טראָגט זיך פון הארבסטיקע פעלדער;
טוליעסט דיין געפרווירענעם קערפּער
צו א נאַקעטן בוים,
וואָס שטייט אין קיינעמס לאַנד...

שוועסטער מיינע!
ס׳מוז דאָס שלעכטע פאַריבערגיין.
אונדזער הויז וועט זיך טונקען אין זון,
ס׳וועט דער בוים מיט בלעטער זיין פול.

ס׳וועלן נעכט מיט לבנהשער שיין
געהערן צו מיר,
צו דיר,
צו אלעמען גלייך.
ס׳וועט קיין גרעזל נישט שרעקן דיך מער,
אין דיינע אויגן וועט נישט זילבערן די טרער.

שטיי אויף, ס׳גייט אויף די זון,
טרינק זיך אָן מיט גלויבן, מיט מוט,
שוועסטער מיינע!

אינהאַלט:

		זייט
.1	ערב־פרילינג	3
.2	פרילינג־מאָטיוו	4
.3	גיי אויף	5
.4	זומער־נאַכט	6
.5	נאָכן שניט	7
.6	ווארשע	8
.7	האַרבסט	9
.8	ביים לענין־מאַוזאָליי	10
.9	טערוועל	11
.10	קאָרייע	12
.11	מיין ליד	14
.12	צו איינער	15
.13	צו דיר	16
.14	ווען דו	17
.15	זקנים	19
.16	אַן עלנטע מוטער	20
.17	א בריוו פון מיין מאַמען	21
.18	דו אליין	23
.19	אז איך וועל קומען	25
.20	אַ גרוס	26
.21	אין חורבן געטאָ	27
.22	האַרבסט	28
.23	צו א יונגען חבר	29
.24	***	30
.25	צו מיין היימלאָזער שוועסטער	31